מיט א טיפערן בליק

פרשת ואתחנן נחמו תשפ"ה

(והשלמה לפרשת דברים)

מוסר, תוכחה אדער כעס?!

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

> אין די טעג ווען כלל ישראל איז געזעצן און געטרויערט אויפן חורבן בית המקדש, איז ליידער מקויים געווארן אין אונזער משפחה לָקְתָה בְּכִפְלַיִם, ווען מיר האבן פארלוירן אונזער חשוב'ע און אומפארגעסליכע ברודער, אחי הגדול איש החסד והמעש וכליל המעלות, **הר"ר משה שמעון הלוי האפפמאן ז"ל** וואס האט אלעמאל געהאט אן אפענעם הארץ און א גוט ווארט פאר יעדן איינעם. אֲבָל יָחִיד עֲשִׂי לָךְ, עס איז א באזונדערע טרויער און פארלוסט אויף דעם וואס ער האט שטענדיג געהאט א אוזן קשבת אויסצוהערן די געדאנקן פונעם שיעור און צולייגן פון זיינע שיינע רעיונות וואס האבן גאר אסאך צוגעגעבן און רייך געמאכט תמידים כסדרם.
>
> צוליב די ימי האבלות איז נישט פאָרגעקומען די שיעור פאריגע וואך פרשת דברים, אלס אן השלמה זענען מיר משלב פרשיות דברים און ואתחנן אינאיינעם. ויהיו אמרינו לרצון, די זכות לימוד התורה זאל זיין לזכות ולעילוי נשמת הר"ר **משה שמעון הלוי** בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח **ר' שרגא פייביל** שליט"א תנצב"ה.

ספר דברים די ספר פון 'משנה תורה' איז פיל מיט דברי מוסר והדרכה וואס אונזער הייליגע רבי משה רבינו גיבט איבער פאר כלל ישראל איידער ער ווערט נסתלק פון די וועלט, ס'הייבט זיך אָן מיט די ווערטער "אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל". די תורה דערציילט וואו ער האט דאס געזאגט, בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף בֵּין פָּארָן וּבֵין תֹּפֶל וְלָבָן וַחֲצֵרֹת וְדִי זָהָב. זאגט **רש"י** אז דא ליגט באהאלטן 'רמזים' מיט וואס משה רבינו איז מרמז און ווינקט פאר כלל ישראל פארשידענע מקומות וואו זיי האבן זיך אויפגעפירט נישט ווי עס דארף צו זיין. "לפי שהן דברי תוכחות ומנה כאן כל המקומות שהכעיסו לפני המקום בהן, לפיכך סתם את הדברים והזכירם ברמז מפני כבודן של ישראל", צוליב די כבוד פון כלל ישראל האט משה רבינו נישט געוואלט ארויסזאגן קלאר און אפן די אלע עבירות, דערפאר זאגט ער עס נאר בקיצור דערמאנענדיג בלויז די נעמען פון די ערטער וואו די זאכן זענען פאָרגעקומען.

למעשה דארף מען פארשטיין, אין די המשך הפרשה פון דברים, און אזוי אויך אין ואתחנן, האלט זיך משה רבינו נישט צוריק פון זאגן אפענע און קלארע דברי מוסר. פארשידענע חטאים ווערן דערמאנט בפירוש אָן קיין שום רמזים, אויב אזוי וואס באדייטן די רמזים פון אנהייב און פארוואס האבן זיי אויסגעפעלט?

נאך א הערה איז כדאי צו באמערקן, אין אנהייב פרשת דברים שטייט (א' ד') "אַחֲרֵי הַכֹּתוֹ אֵת סִיחֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי... וְאֵת עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן" אז די מוסר רייד האט משה רבינו גערעדט צו די אידישע קינדער נאכדעם וואס ער האט מלחמה געהאלטן און מנצח געווען סיחון און עוג, די צוויי גרויסע און שטארקע קעניגן וואס האבן זיך קעגנגעשטעלט כלל ישראל און זיי געוואלט אומברענגען ח"ו.

זאגט רש"י, "אחרי הכותו - אמר משה אם אני מוכיחם קודם שיכנסו לקצה הארץ, יאמרו מה לזה עלינו, מה היטיב לנו, אינו בא אלא לקנתר ולמצוא עילה, שאין בו כח להכניסנו לארץ. לפיכך המתין עד שהפיל סיחון ועוג לפניהם והורישם את ארצם ואח"כ הוכיחן". דאס הייסט, משה רבינו האט זיך געמאכט א חשבון, אויב וועל איך מוסר זאגן פאר די אידישע קינדער נאך איידער זיי זענען אנגעקומען צו יענע לענדער פון סיחון ועוג וואס זענען שוין ממש ביים גרעניץ פון ארץ ישראל, דאן וועלן די אידן האבן טענות צו מיר, זיי וועלן שרייען **"מה לזה עלינו? מה היטיב לנו?" וואס וויל ער פון אונז, וואס האט ער אונז דען אמאל גוטס געטוהן?** ער איז נאר פארנומען מיט מוסר זאגן און טשעפענען. ווארשיינליך קען ער אונז נישט אריינברענגען קיין ארץ ישראל, ער זוכט פשוט א וועג וויאזוי ער קען אונז אפשאקלען און אונז אויפווייזן אז מיר זענען נישט גוט, כדי ער זאל אונז נישט דארפן אריינברענגען קיין ארץ ישראל. דעריבער האט משה געפילט פאר וויכטיג צוווארטן ביז מ'האלט שוין דא, נאכן איינעמען די לענדער פון סיחון ועוג, ער האט זיי שוין געהאלפן און געברענגט נצחון, אצינד איז די פאסיגע צייט זיי צו זאגן מוסר.

דארף מען פארשטיין, נאך פערציג יאר זיין אין מדבר, נאכן זיך מוסר נפש זיין פאר כלל ישראל אזויפיל מאל, וואלטן זיי טאקע געקענט האבן א טענה פון "מה לזה עלינו מה היטיב לנו"? דארף זיך דען משה רבינו פארענטפערן פאר זיי און אויפווייזן זיין געטריישאפט צו זיי?

די זעלבע געפונען מיר אין אונזער פרשה, פרשת ואתחנן, באלד אין אנהייב פון די פרשה וואו משה רבינו דערציילט פאר כלל ישראל און זאגט "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" איך האב זיך געבעטן צו השי"ת אז איך וויל זוכה זיין אריינצוגיין אין ארץ ישראל, ווי ער זאגט ווייטער "אֶעְבְּרָה נָּא וְאֶרְאֶה אֶת הָאָרֶץ הַטּוֹבָה אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן" איך וויל אדורכגיין און זוכה זיין צו זעהן דעם גוטן לאנד וואס געפונט זיך אינעם אנדערן זייט פונעם ירדן. אבער השי"ת האט נישט מסכים געווען, "וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי לְמַעַנְכֶם וְלֹא שָׁמַע אֵלָי" דער אייבישטער האט געצערנט אויף מיר, כביכול ער איז געווארן אנגעפילט מיט כעס, לְמַעַנְכֶם, צוליב אייך, וועגן ענק כלל ישראל, עטס האטס גורם געווען דעם שטראף אויף מיר, וְלֹא שָׁמַע אֵלָי, און ער האט נישט געוואלט אויסהערן מיין געבעט. וַיֹּאמֶר ה' אֵלַי וגו' אַל תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה, הער אויף צו בעטן אויף דעם, און רעד מער נישט דערפון.

זענען מיר ווייטער ווי משה רבינו ברענגט ארויס דאס וואס ער האט סובל געווען און געליטן דורך כלל ישראל, פארוואס האט דאס אויסגעפעלט, און וואס קענען מיר ארויסלערנען דערפון?

די צוויי אופנים פון זאגן מוסר און תוכחה

מו"ר הגאון רבי יצחק דוב קאפעלמאן ראש ישיבת לוצערן זצ"ל ערקלערט, אז עס זענען פארהאן צוויי סארטן וועגן פון מוסר זאגן. אמאל דארף מען יענעם אפשטעלן פון זיינע נישט גוטע מעשים, לדוגמא, ווי עס שטייט אין **שולחן ערוך** (או"ח קכ"ד ס"ז) אז איינער וואס רעדט ביי חזרת הש"ץ "וגוערים בו" שרייט

מען אויף איהם. וכהנה וכהנה איז דא פארשידענע אופנים ווען מ'זעהט ווי א מענטש טוט א עוולה און מ'דארף איהם מאכן אויפהערן, דעריבער גיבט מען איהם א פסק אז ער זאל דאס מער נישט טוהן.

אבער נאכדעם איז פארהאן דער ענין פון 'תוכחה' ווען מען זאגט מוסר פאר איינעם אויף א אופן פון איהם פארבעסערן און אויפקלערן צו טוישן זיינע וועגן. די שורש פון די ווארט תוכחה איז 'מוכיח' זיין און אויפווייזן פאר יענעם קלאר און דייטליך אז ער איז אויף א נישט גוטע וועג און ער דארף פאַרענדערן זיינע מעשים.

די חילוק צווישן די צוויי וועגן איז הימל און ערד. ווען מ'שרייט אויף איינעם און מ'זאגט איהם אריין א פסק, וועט דאס אפשר העלפן אויפן מינוט, כולי האי ואולי, עס קען מאכן א צייטווייליגע שינוי לטובה. עס איז אבער נישט מער ווי א היכי תימצי אפצושטעלן, אפהאקן, אדער אפשוואכן א געוויסע פעולה וואס יענער טוט אויף די מינוט. אודאי פעלט דאס אמאל אויס, ווען מ'מוז איינעם תיכף איבערהאקן אינמיטן טוהן די עוולה. אבער אויפן עתיד וועט דאס ווייניג משפיע זיין, ווייל יענער איז נישט געווארן 'איבערגעוויזן' און איבערצייגט אז ער דארף זיך טוישן.

מה שאין כן ווען מ'זאגט דברי תוכחה, מיט די מטרה יענעם צו דערהייבן, אויפבויען, און אוועקשטעלן אויפן ריכטיגן וועג, איז דאס א זאך וואס קען האבן א שטארקע קיום אויך להבא.

מען קען דאס זעהן מעשים בכל יום, די חילוק וואס זעהט זיך אָן ביי תלמידים וואס לערנען ביי פארשידענע מלמדים און מחנכים. מען קען קלאר דערקענען וועלכער מחנך עס באנוצט זיך מיט די 'קורצווייליגע' מוסר מהלך, וואס האט נישט קיין ווייטגרייכנדע השפעה אויף די תלמידים, צו די וואס זאגן אמת'דיגע און תוכנ'דיגע 'דברי תוכחה' מיט הארץ און געפיל אוועקצושטעלן די תלמידים ריכטיג און זיי אויסלערנען דעם דרך הטוב והישר.

די תנאים צו קענען זאגן דברי תוכחה

דער אמת איז אז מען דארף אריינלייגן אין דעם קאפ און מוח. ווען מיר ווילן פארבעסערן אדער מוסר זאגן פאר אונזערע קינדער, תלמידים, אדער ארומיגע, דארף מען זיך מתבונן זיין ווען און וויאזוי עס צו זאגן. מען דארף משקיע זיין כוחות כדי עס זאל ארויסקומען אלס פאסיגע 'תוכחה' און נישט בלויז א צייטווייליגע פסק.

עס איז כדאי מעיין צו זיין אין די ווערטער פונעם **רמב"ם** אין **הלכות דעות** (פרק ו' הלכה ז' ח') וועלכער איז מאריך אין דעם וויאזוי מען דארף מקיים זיין די מצוה פון 'הוכח תוכיח את עמיתך' און זאגן מוסר פאר א צווייטן. צווישן אנדערע זאגט דער רמב"ם, **"צריך להוכיחו בינו לבין עצמו, וידבר לו בנחת ובלשון רכה, ויודיעו שאינו אומר לו אלא לטובתו להביאו לחיי העולם הבא"** די מוסר דארף מען זאגן ביחידות ווען אנדערע הערן נישט, מיט א ווייכע און שיינע שפראך, מען דארף יענעם מודיע זיין אז מ'מיינט נאר זיין טובה און מ'וויל אז ער זאל גיין אויף די גוטע וועג און זוכה זיין לחיי העולם הבא.

נאך זאגט דער רמב"ם, "לא ידבר לו קשות עד שיכלימנו, שנאמר ולא תשא עליו חטא" מען טאר נישט רעדן שארף און נישט פארשעמען. [עיין שם די פונקטליכע פרטים].

די תועלת פון ווארטן אויף א שעת הכושר

עס האט מיר דערציילט א יונגערמאן וואס דינט אלס א 'ביזנעס קאוטש' און העלפט ארויס מענטשן פירן זייערע געשפטן אויף די ריכטיגע רעלסן. אז מען האט איהם אמאל געלאַדנט צו קומען אבזערווירן און געבן הדרכה אין א געוויסע היימישע ביזנעס, וואו די גאנצע 'אטמאספערע' האט נישט געטויגט. יעדער האט געשפירט אז די לופט איז אנגעצויגן און אנגעשטרענגט, עס הערשט א אומעטיגקייט און א נעגאטיוו מצב צווישן די ארבייטער, און זאכן גייען נישט אינעם גוטן ריכטונג. דער בעל הבית האט געשפירט אז מען דארף דרינגענד טוישן די גאנצע מציאות אין זיין ביזנעס, ער האט נאר נישט געקענט דערטאַפּן דעם פראבלעם, פארוואס עס איז טאקע אזוי.

דערציילט דער בעל המעשה, איך בין אריינגעקומען דארט און אנגעהויבן שמועסן פריוואט מיט די איינגעשטעלטע, און זיי אויסגעהערט מיט א ערנסטקייט. גאנץ שנעל האט זיך מיר קלאר ארויסגעשטעלט דעם בילד אז דער בעל הבית זעלבסט, דער וואס וויל אזוי שטארק טוישן דעם מצב, ער איז דער שורש פון אלע פראבלעמען דארט. די ארבייטער האבן געשפירט דערנידערט און אונטערדרוקט פון איהם, ער איז געווען זייער שטרענג צו זיי און זיך בכלל נישט גערעכנט מיט קיין מענטשליכע געפילן, און דאס האט גורם געווען אז אלע איינגעשטעלטע זענען געווען שטארק פארביטערט ביי די ארבעט. "און אויב דו וועסט איהם קריטיקירן און זאגן א שלעכט וואָרט אז ער דארף זיך טוישן, וועסטו פליען פון דא אין א אויגנבליק" האבן זיי מיר צוגעגעבן פון זייער אייגענעם ערפארונג.

בין איך געגאנגען צו א קלוגער איד זיך אדורכשמועסן מיט איהם וויאזוי גייט מען ווייטער פון דא? וויאזוי קען איך מעורר זיין פארן בעל הבית אז ער איז שולדיג אויף אלעם, און ער מוז טוישן זיין צוגאנג אין די ביזנעס וואס וועט האבן א השפעה אויף די גאנצע אטמאספערע? יענער האט מיר געוואָרנט אז איך וועל מוזן ווארטן און זיך איינהאלטן פון זאגן סיי וואס, ביז עס וועט זיך מאכן א 'שעת הכושר' ווען די ווערטער וועלן מאכן אויף איהם א רושם. אויב נישט איז עס א ברכה לבטלה, האט ער מיר געזאגט, דער בעה"ב וועט בכלל נישט הערן וואס דו זאגסט איהם און דו וועסט גארנישט אויפטוהן.

דאס איז געווען א געוואלדיגע נסיון פאר מיר, ווייל דער בעה"ב איז כסדר געקומען פרעגן וואס הערט זיך, וואס האב איך געפונען נאכן זיך דרייען אין זיין פירמע און שמועסן מיט יעדן איינעם? ער האט געשטופט צו הערן די רעזולטאטן פון מיין פאָרש ארבעט, און איך האב זיך געמוזט איינהאלטן מיט אייזערנע קייטן נישט צו עפענען מיין מויל און איהם זאגן וואס איך האב צו זאגן. איך האב זיך כסדר ארויסגעדרייט זאגענדיג אז ס'איז נאך צו פרי צו וויסן און איך דארף נאך צייט.

ויהי היום, איין טאג ווען איך בין געזעצן ביים בעה"ב אין אפיס, האט אריינגעקלאפט א ארץ ישראל'דיגע משולח פאר צדקה, און דער בעה"ב האט איהם זייער שיין אויפגענומען. ער איז באמת געווען א איד מיט א ווארים הארץ, ער האט יענעם אויסגעהערט און מכבד געווען, און איהם געגעבן א

ברייטע נתינה בסבר פנים יפות, אז איך בין נתפעל געווארן. **דאן האב איך געכאפט אז דאס איז מיין מינוט! דאס איז די שעת הכושר אויף וואס איך וואַרט!**

געב איך זיך א רוף אָן צום בעל הבית, "אוי ווי גוט וואלט געווען ווען אייערע ארבייטער דא באקומען פון אייך אפילו א קליינע פראצענט פון די הארציגע באנעמונג וואס איר האט ארויסגעוויזן פאר דעם פרעמדן איד". דער בעה"ב איז אויפגעשפרונגען און גע'טענה'ט וואס הייסט? זיי זענען דאָך מיינע ארבייטער, און זיי ווייסן גאנץ גוט מיין פאליסי אז 'ביזנעס איז ביזנעס' מען מוז זיין שטרענג און שארף און עס קומען נישט אריין קיין געפילן!

איך האב איהם געלאזט אויסרעדן, און נישט אינגאנצן אפגעוואנדן, איך האב איהם נאר פראבירט צו ערקלערן, ס'קען זיין אז ס'איז דא אזא מהלך פון זיין שטרענג, און ס'קען זיין אז צומאל ארבעט עס גוט. אבער לעניית דעתי זענען זיינע איינגעשטעלטע פונקט אזוי אידישע קינדער און עס קומט זיי די זעלבע צדקה וחסד ווי עס קומט פארן נצרך פון די גאס. **איך האב גענומען זיין גוטע מידה און זיך 'ארויפגעכאפט' אויף דעם, איך האב עס פראבירט אויסצובייטערן אז ער זאל זיך באנוצן דערמיט אויך אין די ביזנעס, אָן ארויסזאגן בפירוש אז דאס איז בעצם זיין פראבלעם און זיין חסרון.** ער האט דערהערט מיינע ווערטער, און ביז א קורצע צייט האט זיך באמת אנגעזעהן א הערליכע שינוי לטובה אינעם גאנצן פלאץ.

נישט אלעמאל קען מען מוסר זאגן

די מציאות וויזט אונז כסדר אז ווען מ'וויל זאגן מוסר, מוז דאס קומען מיט די גרעסטע מאָס ליבשאפט און הארץ, דער מקבל זאל שפירן אז מען מיינט באמת זיין טובה און מ'וויל אויפטוהן אויף איהם.

ווי אויך מוז עס טאקע געזאגט ווערן אין א 'שעת הכושר' ווען מ'כאפט א גוטע מינוט וואס איז ספעציעל מסוגל דערצו, פונקט ווי אין די מעשה וואס מיר האבן פריער דערציילט. למשל, ווען מען זעהט ווי דאס קינד פירט זיך אויף גוט און וואויל, דאן קען מען זיך ארויפכאפן דעראויף און איהם איידעלערהייט מרמז זיין ווי לעבטיג און ווי זיס וואלט געווען אויב ער וואלט זיך אלעמאל אזוי אויפגעפירט. איהם פשוט אויפקלערן אז די זעלבע ווי ער צייכנט זיך אויס אין דעם יעצטיגן הינזיכט, איז פונקט אזוי וויכטיג אז ער זאל דאס טוהן לגבי אנדערע זאכן.

ועל כולם, זיכער נישט מיט געאיילטע שריט אדער מתוך כעס. מען דארף ווארטן פאר די פאסיגע זמן און די פאסיגע פלאץ. אויב דאס קינד האט געטוהן אן עוולה אין שול, איז עַל פי רוב נישט די צייט איהם מעורר צו זיין גלייך אויפן וועג אהיים און איהם אנשרייען. עס וועט פיל מער אויפטוהן ווען מ'וואַרט אביסל, ווען מ'קלערט עס איבער, און מען זאגט איהם דערוועגן א צייט שפעטער ווען עס וועט מאכן די ריכטיגע רושם.

ווען דער מלמד האט געווארט א וואך

איך דערמאן זיך א מעשה פון מיינע קינדערישע יארן, א אמת'ע מעשה שהיה וואס באגלייט מיר נאך עד עצם היום הזה.

געווען איז א תקופה וואס די 'לימודי חול' אין חדר זענען געווען היבש שוואך, די גאנצע אַויר אין די כיתה איז געווען צולאזט, די קינדער האבן נישט געהאלטן ביים איינזיצן, זיי האבן געמאכט פארשידענע ווילדע שטיק קעגן דעם 'ענגליש טיטשער' און געשטערט דאס פאַרלערנען. ביז איין טאג איז עס ממש אריבערגעגאנגען יעדע גרעניץ, מען געטוהן א גרויסע עוולה, און ממש איבערגעצויגן דעם שטריקל ווי מען רופט עס. דעמאלטס האט שוין יעדער גאנץ גוט געוואוסט אז 'דאס איז עס!' עַד כאן אומרים, מער וועלן שוין דער מנהל און דער מלמד דאס נישט קענען פארשווייגן און זיי וועלן אונז גוט באשטראפן.

די קומענדיגע טאג אינדערפרי איז דער עולם אנגעקומען אין חדר מיט שרעק און הכנעה, וואַרטנדיג אויפן פאַרדינטן פְּסַק וואס גייט אודאי נאכפאלגן די נעכטיגע ווילדע מעשים. אבער דער מלמד שפאצירט אריין אין די כיתה כאילו לא היה, אָן ארויסצוזאגן קיין וואָרט פון מויל, ער הייבט אָן צו לערנען אזויווי אייביג, און מאכט זיך בכלל נישט צוטוהן פון וואס עס איז פאָרגעקומען. פארשטייט זיך אז דער עולם איז איינגעזעצן און פלייסיג געלערנט, נישט וויסענדיג וואס צו ערווארטן...

אזוי איז אריבערגעגאנגען די גאנצע וואך מיט א שטיל שוויגעניש, דער מלמד זאגט נישט קיין מוסר, ער שטראפט נישט. אדרבה, אלעס איז אנגעגאנגען ווי געהעריג, סוף וואך האבן מיר אפילו באקומען די ספעציעלע קארטלעך וואס ער פלעגט פארטיילן וועכנטליך פארן לערנען פלייסיג, מיט וואס מען האט שפעטער געקענט איינקויפן מתנות.

אבער דעמאלטס איז עס פלוצלינג געקומען. דער מלמד האט זיך געשטעלט זאגן א דרשה, א שארפע דרשה, מיט א געוואלדיגע כובד ראש און ערנסטקייט, מסתמא די שארפסטע דרשה וואס מיר האבן נאר אמאל געהערט פון איהם, אין וועלכע ער האט שטארק ארויסגעברענגט די גרויסע עוולה וואס איז געטוהן געווארן. איך בין נישט מגזם ווען איך זאג אז עטליכע קינדער האבן געוויינט פון חרטה אויף דעם וואס זיי האבן געטוהן! מער האט שוין גארנישט פאסירט אין יענעם יאר פון די אלע ווילדע שטיק וואס מ'פלעגט מאכן פאר דעם.

אויב דער מלמד וואלט אריינגעקומען דעם נעקסטן אינדערפרי באלד נאכן טוהן די עוולה, שרייען אויף די תלמידים, און אפילו שלאגן, וואלט דאס נישט געמאכט האלב פון די רושם. דאס וואלט געווען סתם א פאָרציע מוסר מתוך כעס, און וואלט נישט געהאט קיין שום ווירקונג אויף למעשה. (זעה אין **רמב"ם** הלכות **תלמוד תורה** פרק ד' די אופנים ווען א מלמד מעג זיין ברוגז אויף די תלמידים, נאר אין געוויסע פעלער, אבער בדרך כלל איז די מציאות ווי חז"ל זאגן "לא הקפדן מלמד"). אדרבה, ווען דער מלמד האט עס אפגעלייגט מיט אפאר טעג, ער איז אנגעגאנגען אינצווישן מיט'ן סדר היום, און אפילו באלוינט די תלמידים פארן לערנען פלייסיג, דאס גיבט א פיל העכערן 'עֵרֶך' און ווערד פאר די מוסר וואס ער זאגט נאכדעם. די תלמידים אנערקענען און פארשטייען אז ער איז אדורכגעטראכט, ער זאגט עס מתוך יישוב הדעת, און עס האט א חשיבות און א ערנסקייט ביי איהם.

דער וואס באקומט מוסר דארף שפירן געשעצט, ער דארף שפירן אז ער איז עפעס ווערד, און אז די מוסר האט א ווערד, נישט סתם אַבִּי געזאגט, געשריגן, און קריטיקירט.

ווי יענער בחור האט אמאל דערציילט אז ער האט אמאל בטעות צובראכן א טייערע גלאזערנע וואַזע פון בלומען ביי זיי אינדערהיים, און זיין האנט האט געהאט פיל מיט שטיקלעך גלאז אויף זיך, ער האט זיך אפילו אביסל צושניטן דערפון. זיין טאטע איז געקומען צו לויפן פונעם אנדערן צימער, אבער האט אויסגעדרוקט פיל מער זארג אויף די טייערע גלאז ווי אויף זיי האנט...

משה רבינו לערנט אונז די וועג פון זאגן דברי תוכחה

דערמיט קומען מיר צוריק צו די עניני הפרשה. משה רבינו שטייט שוין געציילטע טעג אוועק איידער זיין הסתלקות, ער זאגט מוסר און הדרכה פאר כלל ישראל וואס זיי זאלן וויסן און געדענקען אויף שטענדיג. ווי רש"י זאגט "לפי שהן דברי **תוכחות**" משה רבינו גיבט אונז תוכחה, ער 'ווייזט' אונז אויף דעם וועג און וויל אונז באמת פארבעסערן. אין איינוועגס לערנט ער אונז וויאזוי מען דארף זאגן תוכחה.

ער הייבט אָן ברמז, מיט די גרעסטע מאָס איידלקייט, בדרכי נועם ובדרך כבוד, נישט חלילה אויף א אופן ווי עס וועט ווי טוהן. און ער מאכט זיכער צו ווארטן אויף די ריכטיגע צייט ווען ער וועט קענען צולייגן זיין גאנצע הארץ און ליבשאפט, ער איז מוסיף און מדגיש, "אַחֲרֵי הַכֹּתוֹ אֵת סִיחֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי... וְאֵת עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן" ער ווייזט פאר כלל ישראל ווי שטארק ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר זיי, ער לאזט אפילו נישט איבער קיין ברעקל פלאץ אין וועלכע זיי וועלן קענען שפירן טענות פון "מה לזה עלינו? מה היטיב לנו?" וואס וויל ער פון אונז, וואס האט ער אונז דען אמאל גוטס געטוהן?

די זעלבע איז אין אנהייב פון פרשת ואתחנן, איז משה רבינו מקדים און זאגט "וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי לְמַעַנְכֶם וְלֹא שָׁמַע אֵלָי" השי"ת איז געווארן ברוגז אויף מיר, צוליב אייך, און ער האט נישט געוואלט אויסהערן מיין געבעט, ארויסצוברענגען זיין גרויס חביבות און געטריישאפט צו זיי.

לאמיר לערנען אינאיינעם א שטיקל **אור החיים הקדוש** אויפן פסוק. דער אור החיים הק' איז מדייק, לכאורה איז דאס כמעט ווי א דאפלטע לשון, "וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי" און "וְלֹא שָׁמַע אֵלָי" ווייל אויב השי"ת איז געווען ברוגז אויף משה האט ער געוויס נישט אויסגעהערט זיין געבעט, און אויב ער האט נישט אויסגעהערט דאס געבעט פארשטייען מיר דערפון אז השי"ת איז געווען ברוגז אויף איהם, אויב אזוי וואלט געווען גענוג ווען עס שטייט נאר איינס פון די צוויי זאכן. און בכלל, פארוואס קומט אריין די ווארט "לְמַעַנְכֶם" אינמיטן? עס וואלט געדארפט שטיין וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי וְלֹא שָׁמַע אֵלָי, השי"ת איז געווען ברוגז און מיך נישט געוואלט אויסהערן, דאס אלעס איז געקומען 'לְמַעַנְכֶם' צוליב אייך.

זאגט דער אור החיים הקדוש זי"ע, אז דא ווערט ארויסגעברענגט די געטריישאפט פון משה רבינו צו כלל ישראל. ווען משה רבינו האט מתפלל געווען אויף זיך אליינס אז ער זאל זוכה זיין אריינצוגיין קיין ארץ ישראל, **האט ער אויך מתפלל געווען אויפן דור המדבר אז השי"ת זאל זיי מוחל זיין און זיי זאלן קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל.** און אויף די צוויי תפלות זאגט דא משה רבינו, "וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי לְמַעַנְכֶם" השי"ת איז געווען ברוגז אויף מיר און נישט געוואלט אויסהערן מיין תפלה וואס איך האב מתפלל געווען 'לְמַעַנְכֶם' אויף אייך אז איר זאלט קענען אריינגיין קיין ארץ ישראל. ווי אויך "וְלֹא שָׁמַע אֵלָי" ער האט נישט געוואלט אויסהערן מיין געבעט וואס איך האב געבעטן אויף מיר אליין אויך נישט.

נאך א פשט זאגט דער אור החיים הקדוש, **אין מדרש שטייט אז השי"ת האט נישט אריינגעלאזט משה רבינו קיין ארץ ישראל, כדי ער זאל נפטר ווערן און באערדיגט ווערן אין חוץ לארץ אינאיינעם מיט די מֵתֵי מדבר, דורכדעם וועלן זיי אלע האבן א תיקון און אויפשטיין לעתיד לבוא און האבן א חלק אין עולם הבא. משה רבינו בלייבט צוגעבינדן צו כלל ישראל אפילו נאך זיין פטירה, און ער בלייבט ליגן נעבן זיי, כדי זיי זאלן קענען אויפשטיין ביי תחיית המתים און האבן א חלק אין עולם הבא!**

דאס איז מרומז אין די ווערטער "וַיִּתְעַבֵּר ה' בִּי לְמַעַנְכֶם" די ווארט ויתעבר גייט ארויף אויפן יום המיתה וואס ווערט אנגערופן 'יוֹם עֶבְרָה' (א טאג פון צארן און מידת הדין ח"ו), און משה רבינו וויל דא זאגן פאר כלל ישראל אז עס איז געווען א באזונדערע גזירה מן השמים אויף איהם אז ער מוז נפטר ווערן אין חוץ לארץ, לְמַעַנְכֶם, פאר אייער טובה און אייער תיקון. (זעה די המשך הדברים אין אוהחה"ר).

נאך אזא ליבליכע הקדמה קען מען טאקע מוסר זאגן! נאכן ארויסברענגען די געטריישאפט און מסירות נפש פאר זיי, ווען די 'מקבלים' שפירן אדורך און אדורך אז מען מיינט בלויז זייער טובה און גארנישט אנדערש, אצינד קען מען זאגן תוכחה וואס וועלן זיין נכנסים אל הלב און אויפטוהן די ריכטיגע פעולות. און דאן קען מען שוין זאגן בפירוש אויך... איינמאל מען הייבט אָן ריכטיג, און מען ווייזט ארויס די אהבה און געפיל, דער שומע שפירט די הארץ און די אמת'דיגקייט וואס ליגט אין די מוסר רייד, קען מען שוין זיין מוסיף והולך, און אויפטוהן וואס מען וויל אויפטוהן.

בדרך רמז קען מען צולייגן, מיר האלטן דאָך אצינד ביי **שבת נחמו**. דער נביא זאגט "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹקֵיכֶם", מען וויל טרייסטן און בארואיגן, וויאזוי באווייזט מען דאס? וואס איז די סוד פון מאכן יענעם שפירן גוט און באקוועם? דַּבְּרוּ עַל **לֵב** יְרוּשָׁלַםִ... ווען מ'רעדט צו יענעמ'ס הארץ. מען רעדט מיט ליבשאפט און געפיל, מען זאגט דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב, דאס זענען דברי נחמה, דאס איז א מענטש מקבל און וויל הערן, ער דערהערט עס און שפירט עס באמת! דאס איז דער סוד און דער שליסל וואס מיר דארפן אלעמאל געדענקען איז "דַּבְּרוּ עַל לֵב"...

לסיכום געדענק:

- ווען מ'וויל זאגן מוסר, מוז דאס קומען מיט די גרעסטע מאָס ליבשאפט און הארץ, דער מקבל זאל שפירן אז מען מיינט באמת זיין טובה.
- עס מוז געזאגט ווערן אין א 'שעת הכושר' ווען מ'כאפט א גוטע מינוט וואס איז ספעציעל מסוגל דערצו, למשל ווען יענער טוט א גוטע זאך און 'מקען 'ארויפבויען' אויף דעם.
- קיינמאל נישט מיט געאיילטע שריט אדער מתוך כעס. ווארט פאר די ריכטיגע צייט און פלאץ. יישוב הדעת איז קריטיש וויכטיג. מען דארף מקיים זיין "דַּבְּרוּ עַל לֵב".

א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק" דורך אי-מעיל בעז"ה
tiferenblik@gmail.com